קינדער ביבליאָטעק

36
~~1023~~
36

ב. ר. ג ר י ם.

# דער גליקלאכער האנס

איבערגעזעצט פון פ. היילפערין.

LIBRERIA "EL PROGRESO"
G. KAPLANSKY
BERMEJO 467 - B. A.

№ 6



# דער גליקלאַכער האַנס.

האַנס האָט זיבן יאָר געדינט ביי זיין בעל-
הבית, דערנאָך האָט ער אים געזאָגט:

— בעל הבית, מיין צייט האָט זיך שוין גענ-
דיגט, איצט וויל איך צוריק אַהיים צו דער מאַ-
מען. גיט מיר אָפּ מיינע שכירות.

דער בעל הבית האָט אים געענטפערט:

— דו האָסט מיר געדינט ערלאַך און געטריי;
ווי ערלאַך דו האָסט געדינט, אַזוי שיין וועל איך
דיר באַצאָלען.

און ער האָט האַנסן דערלאַנגט אַ שטיק גאָלד,
די גרייס, ווי האַנס קאָפּ. האַנס האָט אַרויסגענומען
אַ טיכל פון קעשענע, איינגעוויקלט דאָס גאָלד,
אויפגעהויבן אויף די פּלייצעס און האָט זיך געלאָ-
זען אין וועג אַהיים. ווי ער געהט אַזוי און שטעלט
אַ פוס נאָך אַ פוס, דערזעהט ער אַ רייטער, וועלכער
איז אַ לעבעדיגער און אַ מונטערער פאַרבייגעפאָרען
אויף אַ טייערן פערד.

— אַך, — האָט האַנס גאַנץ הויך געזאָגט, —
ס'איז אַ טייערע זאַך דאָס איז צו פאָרען רייטענדיג.
מע זיצט זיך פונקט ווי אויף אַ שטול, מע פאַלט ניט
איבער שטיינער, די שיך בלייבן גאַנץ, און עס
פאַרט זיך, מע ווייס אַליין ניט ווי.

דער רייטער, וועלכער האָט עס געהערט, האָט זיך אָפּגעשטעלט און געזאָגט:

— היי, האַנס, וואָס לויפסטו אַזוי?

— איך מוז דאָך, — האָט האַנס געענטפערט, — איך דאַרף דאָס פּעקל אָפּטראָגען אַהיים. דאָס איז טאַקע גאָלד, אָבער איך קאָן איבער דעם ניט האַלטען גלייך דעם קאָפּ. דערצו נאָך דריקט עס מיר דעם אַקסל.

— ווייסטו וואָס? — זאָגט דער רייטער, — לאָמיר זיך בייטען, איך גיב דיר מיין פערד, און דו גיב מיר דיין פּעקל.

— מיט'ן גאַנצען האַרצען, — האָט האַנס געזאָגט, — אָבער איר זאָלט וויסען, אַז איר וועט זיך דערמיט מוזען שלעפּען.

דער רייטער איז אַראָפּ פון פערד, האָט גענומען דאָס גאָלד און געהאָלפען האַנס'ן אַרויף אויפ'ן פערד; האָט אים געגעבען די לייצעס אין האַנט און געזאָגט:

— אויב דו ווילסט, אַז דער פערד זאָל געשווינד לויפען, זאָלסטו קנאַקען מיט דער צונג און שרייען „האָפּ, האָפּ".

האַנס איז אֶמֶת צופרידען געווען, אַז ער האָט זיך געזעצט אויפ'ן פערד און פראַנק און פריי אַוועקגעריטען. אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך אים פאַרוואָלט, אַז דער פערד זאָל געהן גיכער, האָט ער אָנגעהויבען קנאַקען מיט דער צונג און שרייען „האָפּ־האָפּ". דער פערד האָט זיך געלאָזען גאַ־



איידער האַנס האָט זיך נאָך אַרומגעקוקט, איז ער שוין אַראָפּגעפאַלן ...

לאָפּ. איידער האַנס האָט זיך נאָך אַרומגעקוקט, איז ער שוין אַראָפּגעפאַלן און געלעגן אין אַ גראָבען, וואָס האָט אָפּגעטיילט די פעלדער פון דעם טראַקט. דער פערד וואָלט גאָר אַנטלאָפן, ווען אַ פויער, וואָס איז געגאַנגען איבערן וועג און אָנגעטריבען אַ קוה, וואָלט אים ניט פאַרהאַלטען. האַנס האָט קוים זיינע ביינער אויפגעקליבען און געשטעלט זיך אויף די פיס. ער איז געווען אומצופרידען און האָט געזאָגט צו דעם פויער:

— ס'איז גאָר ניט אַזאַ שׂכל פאָרען רייטענדיג, איבערהויפּט ווען מ'האָט אַן עסק מיט אַזאַ קלאַטשע, וואָס שפּרינגט און וואַרפט אַראָפּ אַזוי, אַז מע קאָן ברעכען האַלז און נאַקען. מער זעך איך מיך

ניט אַרויף. זעהט זשע, אייער קוה געפעלט מיר גראַד. מ׳קאָן זיך רוהיג נאָכגעהן נאָך איר פון הינ־טען, דערצו האָט מען נאָך זיכער אַלע טאָג מילך און פוטער און קעז. פאַר אַזאַ קוה וואָלט איך אַלץ אַוועקגעגעבען.

— רעכט,—זאָגט דער פויער,—אויב ס׳איז אייך אַזוי געפעלען, קאָן איך אייך אויסבייטען דעם פערד אויף דער קוה.

האַנס האָט מיט גרויס שׂמחה איינגעשטימט. דער פויער איז אַרויפגעשפרונגען אויפ׳ן פערד און איז געשווינד אַוועקגעפאָרען.

האַנס האָט זיך פּאַמעלאַך אונטערגעטריבען די קוה און געטראַכט וועגען דעם גליקלאַכען עֵסק, וואָס ער האָט געמאַכט: „ווען איך האָב נאָר אַ שטיקל ברויט—און דאָס וועט דאָך מיר קיין מאָל ניט פעלען — קאָן איך מיר מיין ברויט עסען, ווען ס׳וועט זיך מיר נאָר ווילען, מיט פוטער און מיט קעז. ווען עס הויבט מיך אָן צו דאָרשטען, קאָן איך מיר אויסמעלקען מיין קוה און טרינקען מילך. ניטאָ קיין גרעסער גליק פאַר דעם!“

ווען ער איז אונטערגעגאַנגען צו אַ קרעטשמע, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, און פון גרויס שׂמחה אויפגעגעסען אַלץ, וואָס ער האָט מיט זיך געהאַט— דעם וואַרעמעס און די וועטשערע, ביז דעם ל[illegible]צ־טען ביסען. און פאַר די לעצטע פאָר גראָשען, וואָס ער האָט געהאַט, האָט ער געהייסען דערלאַנגען אַ האַלבע גלאָז ביר. דערנאָך האָט ער ווייטער

אַוועקגעטריבען די קוה איבערן וועג צום דאָרף, וואו זיין מאַמע האָט געוואוינט. וואָס נעהענטער צו מיטאָג צייט, אַלץ שטאַרקער איז געוואָרען די היץ. האַנס איז דעמאָלט געגאַנגען איבער אַ סטעפּ, וואָס האָט זיך נאָך געצויגען אויף אַ גוטער שָׁעה גאַנג. ס'איז אים זעהר היים געוואָרען, אַזש די צונג האָט זיך ביי אים געקלעפּט צום גומען. „דערצו איז דאָ אַ מיטל"—האָט האַנס אַ טראַכט געטאָן,—„איך וועל אויסמעלקען די קוה און קוויקען זיך מיט מילך".

ער האָט די קוה צוגעבונדען צו אַ טרוקענעם בוים, און ווייל ער האָט ניט געהאַט קיין שעפעלע, האָט ער אונטערגעשטעלט זיין לעדערן היטל. אָבער זיין גאַנצע מיה איז געווען אומזיסט. עס האָט זיך אפילו קיין טראָפּען מילך ניט באַוויזען, און ווייל ער האָט זיך מעלקענדיג שלעכט אַוועקגעשטעלט, האָט ער ענדלאַך פון דער אומגעדולדיגער בהֵמה באַקומען אַזאַ בענטש איבערן קאָפּ, אַז ער איז געפאַלען צו דער ערד און אַ לאַנגע צייט ניט געקענט קומען צו זיך.

צום גליק איז גראָד געגאַנגען איבערן וועג אַ קיילער, וואָס האָט געפירט אַ יונגען חַזיר אין אַ טאַטשקע.

— אַ שענע מַעֲשֶׂה,—האָט ער געזאָגט און געהאָלפען האַנס'ן אויפשטעהן.

האַנס האָט אים דערצעהלט, וואָס מיט אים איז געשעהן. דער קיילער האָט אים דערלאַנגט זיין פלאַש און געזאָגט:

— נאַט, גיט אַ טרונק און דערפרישט אייך. אייער קוה וועט קיין מילך ניט געבען. דאָס איז אַן אַלטע בהֵמה, וואָס טויג אין בעסטען נאָר צום שפּאַן אָדער צו דער שחיטה.

— איי, איי, — האָט האַנס געזאָגט און אָנגעהויבען קראַצען זיך דעם קאָפּ. — ווּעמען האָט דאָס געקענט קומען אויפ'ן זינען! אֶמֶת, ס'איז טאַקע זעהר גוט אַז מ'קען שעכטען אַזאַ שטיק און זאָל זיין פליישׁ אין שטוב. אָבער איך האָב ניט זעהר ליב קיין רינד-פליישׁ. ס'איז מיר ניט גענוג זאַפטיג. אָט אַזאַ חזיר'ל אַז מ'האָט — דאָס איז גוט. דאָס האָט גאָר אַן אַנדער טַעם. היינט דערצו נאָך די וואורשטען דערפון.

— הערט, האַנס, — זאָגט דער קיילער, — אייך צוליב קען איך זיך מיט אייך בייטען, איך וועל אייך אָפּגעבען דאָס חזירל און וועל ביי אייך צונעמען די קוה.

— זאָל אייך דער אויבערשטער ממַלא זיין פאַר דער טובה! — האָט האַנס געזאָגט.

ער האָט די קוה איבערגעגעבען דעם קיילער און גענומען דעם חזיר פאַר דאָס שטריקל, מיט וועלכען ער איז געווען געבונדען.

האַנס איז ווייטער אַוועק, טראַכטענדיג וועגען דעם, וואָס אַלץ געהט אים, ווי געוואונשען, טרעפט זיך אַפילו אַן עגמת נפֶש, געהט עס אויך גלייך איבער.

דערווייל איז צו אים צוגעשטאַנען אַ יונגערמאַן, וואָס האָט געטראָגען אַ שענע ווייסע גאַנז אונ-

טערן אָרעם. זיי האָבן צוזאַמען פאַרבראַכט די צייט, און האַנס האָט אָנגעהויבן דערצעהלען פון זיינע גליקען, ווי עס האָט אים געלונגען צו בייטען זיך יעדעס מאָל מיט אַזעלכע פאַרדינסטען. דער יונגערמאַן האָט אים דערצעהלט, אַז ער טראָגט די גאַנז פאַר אַ מַתָּנָה אויף אַ ברית.

— הויבט זי אַקאָרשט אויף,—האָט ער געזאָגט און גענומען די גאַנז פאַר די פליגל,—זעהט, וואָס פאַר אַ וואָג זי האָט. אֶמֶת, מ'האָט זי טאַקע פריהער אַכט וואָכען נאָכאַנאַנד געשטאָפּט. אַז מע וועט זי אָפּ-בראָטען און עסען, וועט שמאַלץ רינען איבער די ליפּען.

— יאָ האָט האַנס געזאָגט און אויסגעוואויגען די גאַנז אויף זיין האַנט,—זי האָט וואָג. אָבער מיין חַזיר איז אויך ניט קיין דאַרער.

דער יונגערמאַן האָט זיך דעמאָלט אַרומגע-קוקט מיט גרויס חשד אויף אַלע זייטען און אָנגע-הויבען שאָקלען מיט'ן קאָפּ.

— הערט,—האָט ער געזאָגט,—מיט אייער חַזיר איז ניט גאָר גלאַט. אין דעם דאָרף, וואָס איך בין ערשט אַדורכגעגאַנגען, האָט מען אַנוסטען ביי דעם סטאַרשינאַ פון שטאַל אַרויסגעגנב'עט אַ חַזירל. איך האָב מורא, אַז דאָס איז ביי אייך די גְנֵבָה... מ'האָט אַרויסגעשיקט מענשען זוכען. ס'וועט זיין אַ ביטער עֵסק, אויב מ'וועט ביי אייך געפינען דעם חַזיר. איר וועט גוט אָפּשפּילען, אויב מ'וועט אייך נאָר פאַר-זעצען אין אָסטראָג...



„נעמט מיין חזיר און גיט מיר אייער גאנז״.

דער גוטער האַנס האָט זיך איבערגעשראָקען.

— אַך, מײַן גאָט! — האָט ער געזאָגט,—העלפט מיר אויס אין מײַן נויט, איר וועט זיך דאָ בעסער קענען אַן עצה געבען. נעמט מײַן חזיר און גיט מיר אײַער גאַנז.

— מילא,—האָט דער יונגער מאַן געזאָגט,—איך וועל שוין מוזן ריזיקירען, איך וויל ניט זײַן דער שולדיגער אין אײַער אומגליק.

און ער האָט גענומען דאָס שטריקל אין האַנט און געשווינד אַוועקגעפירט דעם חזיר איבער אַ זײַטיגען וועג. דער גוטער האַנס איז באַפרײַט פון זאָרג אַ וועק אַהיים מיט דער גאַנז אונטער אָרעם.

— אַז איך באַטראַכט מיך גוט,—האָט ער פאַר זיך געזאָגט,—האָב איך נאָך בײַ דעם בײַט עפּעס פאַרדינט. ערשטענס דאָס פעטע בראָטען, דערנאָך די שמאַלץ, וואָס כ'וועל דערפון אויספּרעגלען. ס'וועט קלעקען גענזען־שמאַלץ אויף אַ גאַנצען פערטל יאָר. היינט די גריבען, און די שענע ווײַסע פעדערן, מיט וועלכע איך וועל אָנשטאָפּען מײַן קישען און וועל אויף דעם שלאָפען, ווי אַ פּריץ! אַך, ס'אַראַ פרייד עס וועט זײַן פאַר מײַן מאַמען!

ווען ער איז דורכגעגאַנגען דעם לעצטען דאָרף איז דאָרט געשטאַנען אַ שלײַפער מיט זײַן מאַשין. די ראָד האָט געהודזשעט, און דער שלײַפער האָט געזונגען:

איך שלײַף מיר דאָס שערל;<br>איך דרעה דאָס רעדל געשווינד.

איך הענג מיר מײַן מאַנטל,
וואוהין עס בלאָזט דער ווינט.

האַנס האָט זיך אָפּגעשטעלט קוקען אויף אים, דערנאָך האָט ער מיט אים פאַרפירט אַ שמועס:

— אײַך געהט, אַפּנים, גאָרניט שלעכט, וואָרום איר זייט אַזוי לוסטיג ביי דער אַרבייט.

— יאָ, — האָט דער שלייפער געענטפערט, דאָס איז איז אַ גאָלדענע מלאָכה די שלייפערײַ. אַ שלייפער איז, פאַרשטעהט איר, אַזאַ מענש, וואָס געפינט אַ מַטבֵּע יעדעס מאָל, ווען ער לאָזט נאָר אַראָפּ די האַנט אין קעשענע. אָבער זאָגט מיר נאָר, וואו האָט איר אַזאַ שענע גאַנז געקױפט?

— איך האָב זי ניט געקויפט, איך האָב זי אויסגעביטען אויף אַ חזיר.

— און וואו האָט איר גענומען דעם חזיר?

— האָב איך געקראָגען פאַר אַ קוה.

— און די קוה?

— האָב איך באַקומען פאַר אַ פערד.

— און דעם פערד?

— פאַר דעם פערד האָב איך אָפּגעגעבען אַ שטיק גאָלד די גרייס, ווי מײַן קאָפּ.

— איר האָט געמאַכט טייערע עסקים, — האָט דער שלייפער געזאָגט. — איצט, ווען איר קאָנט נאָך דערגרייכען דערצו, אַז יעדעס מאָל ווען איר הויבט זיך אויף זאָל קלינגעלט קלינגען ביי אײַך אין די קעשענעס, — זייט איר שוין גאָר אַ גליקלאַכער מענש.

— ווי זשע קאָן איך דאָס דערגרייכען?—האָט האַנס געפרעגט.

— איר מוזט ווערען אַ שלײַפער, ווי איך,—האָט דער שלײַפער געזאָגט.—דערצו דאַרף מען אייגענטלאַך מער נישט, ווי אַ שאַרפשטיין, דאָס איבעריגע וועט שוין אַליין קומען. אָט האָב איך אַזאַ שטיין. אֶמֶת, ער איז אַ ביסל אַ קאַליקער, דערפאַר אָבער דאַרפט איר פאַר אים באַצאָלען מער נית ווי אייער גאַנז. ווילט איר?

— ווי קאָנט איר נאָך פרעגען?—האָט האַנס אויסגעשריען,—איך וועל דאָך זיין דער גליקלאַכסטער מענש אויף דער וועלט. ווי־באַלד, אַז איך האָב געלט אַלע מאָל, ווען איך כאַפּ זיך נאָר פאַר מיין קעשענע, טאָ וואָס האָב מיך נאָך פאַרזאָרגען?

האָט ער דעם שלייפער דערלאַנגט די גאַנז, און באַקומען פון אים דעם שאַרפשטיין. דער שלייפער האָט אויפגעהויבען אַ געוועהנלאַכען שווערען פעלדשטיין און געזאָגט:

— אָט האָט איר נאָך אַ צולאָג, אַ גוטען שטיין, איבער וועלכען מ׳קען קלאַפּען, וויפיל דאָס האַרץ געלוסט. איר קענט אויף אים אויסגלייכען אַלטע טשוואָקעס. נעמט אים מיט.

האַנס האָט גענומען דעם שטיין און איז אַ צופרידענער אַוועק אין זיין וועג. די אויגען האָבען ביי אים געלויכטען פון פרייד.

— איך בין אַפּנים געבוירען געוואָרען אין אַ העמדעלע,—האָט ער פאַר זיך געטראַכט.—אַלץ, וואָס איך

באַגער, באַקום איך תּיכּף אויפ׳ן אָרט. אַזאַ מזל׳דיגער בין איך.

דערווייל האָט ער אָנגעהויבן מיד צו ווערן, ווייל ער איז פון אין דערפריה אָן געווען אויף די פיס. חוץ דעם האָט אים געמאַטערט דער הונגער, וואָרום אַלץ, וואָס ער האָט מיט זיך געהאַט, האָט ער אויפגעגעסען פאַר אַ מאָל פון גרויס שׂמחה, בשעת ער האָט איינגעהאַנדלט די קוה.

ענדלאַך האָט ער שוין קיין כּוח ניט געהאַט צו געהן, און האָט זיך געמוזט יעדע רגע אָפּשטעלען דערצו נאָך האָבען אים די שטיינער אַזוי געדריקט דעם רוקען, אַז ס׳איז אויף אים געווען אַ רחמנות.

ער האָט אַלץ געטראַכט וועגען דעם, ווי גוט עס וואָלט געווען, ווען ער וואָלט איצט די שטיינער ניט געדאַרפט טראָגען. ער האָט זיך קוים דער־שלעפּט צו אַ פעלדברונים, האָט דאָ געוואָלט אָפּ־רוהען און דערקוויקען זיך מיט אַ פרישען טרונק וואַסער. און כּדי ער זאָל די שטיינער ניט איבער־פירען, ווען ער וועט זיך זעצען, האָט ער זיי אַוועק־געלעגט אויפ׳ן באַנד פון דעם ברונים. נאָכדעם האָט ער זיך אָנגעבויגען איבער ברונים צו טרינקען. ער איז אָבער ניט געווען פאָרזיכטיג, ער האָט אַ קליין ביסעלע אַ שטויס געטאָן די שטיינער, און זיי זיינען גלייך אַריינגעפאַלען אין ברונים.

אַז האַנס האָט דערזעהן, ווי די שטיינער זיינע פאַרזונקען געוואָרען אין וואַסער, האָט ער אַ שפּרונג געטאָן פון שׂמחה, האָט אויפגעהויבען די הענט צום

הימל און מיט טרערן געדאַנק דעם אויבערשטען פאַר אַלע חסדים, וואָס ער האָט מיט אים געטאָן, און אויך פאַר דעם חסד, וואָס ער האָט אים באַ-פרייט פון די שווערע שטיינער אויף אַזאַ גליקלאַכען אופן, אַז ער דאַרף זיך אַפילו קיין פאָרוואורף ניט מאַכען, וואָס ער איז פון זיי פּטור געוואָרען.

— אַזוי גליקלאַך, ווי איך, איז נאָך קיינער ניט געווען אויף דער וועלט! —האָט ער אויסגעשריען.

און מיט אַ לייכטען האַרצען און פריי פון יעדער לאַסט איז ער אַוועקגעלאָפען, און געלאָפען, ביז ער איז געקומען אַהיים צו דער מאַמען.

## פערלאַג „קינדער ביבליאָטעק“ ווילנא.

עס זיינען אַרויס פון דרוק:

די פאַרפישופטע בת מלכה.

דאָס מיאוסע ענטעלע.

שלומפערל.

פאָטער און זון

אַ מיידעלע, וואָס האָט געראַטעוועט אַ צוג.

ס׳דרוקען זיך:

ד׳אַמיטשיס: ווי אַ יינגל איז אַרומגעגאַנגען אַרום קראַנקען טאַטען.

גרים: דער בריה׳שער שניידערל.

גרים: טישעלע, דעק זיך.

הויפט-פארקויף:

ווילנער פאַרלאַג פון ב. א. קלעצקין, ווילנאַ.

פרייז 2 קאָפּ.

Club Infantil Nacionalista Israelita

Бр. Гриммъ.—СЧАСТЛИВЫЙ ГАНСЪ.

Пер. съ нѣмецкаго Ф. Гальпернъ.

Типографія Б. А. КЛЕЦКИНА, Вильна.

SIN VALOR COMERCIAL

184